# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

תמצית הגליון:
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

אֲנִי יוֹסֵף! אֲחִיכֶם אֲשֶׁר מְכַרְתֶּם אֹתִי מִצְרָיְמָה,

בעזהשי"ת ▪ ויגש תשפ"א ▪ גליון קה'


# איך מוטשע זיך, דער מצב איז נישט גוט...

## ווי אזוי פארענטפערט מען די קשיא:

### "פארוואס פונקט מיר?" און "פארוואס פונקט יעצט?"

יעדע מענטש וואונטשט זיך דאס בעסטע און שענסטע פאר זיך און פאר זיין משפחה, אבער ווען שוועריקייטן קומען אונטער, עפעס גייט נישט לויט ווי מיר האבן זיך פארגעשטעלט, נישט וועלנדיג, שווימט ארויף דער קשיא "פארוואס?"

""**פארוואס פונקט איך?**", "**פארוואס פונקט יעצט?**", וכדו'... די אלעמען באקאנטע קשיות וואס קומען ארויף אויפן מחשבה בעת צר האבן שוין צובראכן פיל אידישע הערצער און פארוויינט פיל אידישע אויגן, שפירנדיג ווי כאילו כביכול איז ברוגז אדער איז חלילה מעלים עין פונעם מענטש.

אין די וואכעדיגע פרשה, (בהמשך פון די פריערדיגע) געפונען מיר די מעשה פון יוסף הצדיק אלץ מלך אין מצרים און זיין באגעגעניש מיט זיינע ברודער. ווען מיר וועלן גוט אפלערנען די מעשה מיט אירע פרטים, וועלן מיר איינזעהן דעם "**סוף מעשה במחשבה תחילה**" פונעם גרויסן צדיק יוסף, ווען אין אנהייב האט אלעס אויסגעזעהן אומפארשטענדליך, אבער ווי וואונדערליך האט זיך ארויסגעשטעלט צום סוף אז יעדע פעולה איז געווען פונקטליך אויסגערעכנט מיט די גרעסטע מאס רחמנות.

## לאמיר לערנען א פסוק חומש און באקומען חיזוק פאר די וואך...

**וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק לְכֹל הַנִּצָּבִים עָלָיו,**
(ויגש מה, א)

"**וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק**". די תורה דערציילט אונז אז גלייך נאך יהודה האט געענדיגט זיין הארציגן געבעט צו יוסף אז ער זאל מוחל זיין בנימין, האט יוסף זיך מער נישט געקענט איינהאלטן און געטראכט "דאס איז עס! דער שפיל איז פארטיג! עס איז געקומען די צייט אז איך מוז זיך אנטפלעקן." **וַיִּקְרָא הוֹצִיאוּ כָל אִישׁ מֵעָלָי... וַיִּתֵּן אֶת קֹלוֹ בִּבְכִי... וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל אֶחָיו אֲנִי יוֹסֵף...**

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס האט פאסירט יעצט מער פון פריער אז יוסף האט געשפירט אז ער מוז זיך שוין אנטפלעקן?

צו איז דאס דען די ערשטע מאל וואס יוסף האט רחמנות געהאט אויף זיינע ברודער?! מיר געפונען דאך עטליכע מאל אין פרשת מקץ אז יוסף האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און זיך צו-וויינט בשעת ער האט געשפילט דעם שפיל און דאך האט ער זיך דעמאלטס געהאלטן שטארק און זיך נישט אנטפלעקט פאר זיי. וואס איז יעצט געווען אנדערש?

**און אט דער קשיא ווערט נאך פיל שטארקער ווען מען איז זיך מעמיק אביסל מער אינעם געשיכטע ביז אהער.**

**עפיזאד א'**: די תורה דערציילט (מב, כ) אז גלייך נאך די ברודער האבן געהערט דעם ביטערן פסק פון דעם קעניג יוסף אז **וְאֶת אֲחִיכֶם הַקָּטֹן תָּבִיאוּ אֵלַי**, איז געווארן א גאנצע איבערקערעניש. די ברודערס האבן שוין מער נישט געקענט אויסהאלטן.

עס איז געווען זייער ווייטאגליך צו הערן אז נאכן ווערן געפייניגט מיט בייזע חשדות און מוטשענישן פאר דריי טעג דורכ'ן משנה למלך, זאל אנקומען אזא ביטערע פסק אז זיי דארפן ברענגן זייער יונגסטן ברודער וואס איז געבליבן מיטן טאטן... "אוי געוואלד!"

די ברודער האבן אנגעהויבן קרעכצן און תשובה טוהן, "**אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ עַל אָחִינוּ אֲשֶׁר רָאִינוּ צָרַת נַפְשׁוֹ בְּהִתְחַנְנוֹ אֵלֵינוּ וְלֹא שָׁמָעְנוּ עַל כֵּן בָּאָה אֵלֵינוּ הַצָּרָה הַזֹּאת**".[א]

יוסף האט דאס אלעס אונטערגעהערט און "**וַיִּסֹּב מֵעֲלֵיהֶם וַיֵּבְךְּ**" (שם כג-כד), ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן, נאר זיך אוועק געדרוקט אין א זייט און אנגעהויבן וויינען. זאגט רש"י: פארוואס האט יוסף

[א] עי' בארחות צדיקים (כו, סח) כאשר תמצאנה את האיש צרות, ישיב אל לבו ויאמר: אין זה כי אם מחמת עונותיו ודרכיו הרעים, וישוב אל השם וירחמהו...




פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון, קענט איר זיך פארבונדן מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

געוויינט? **לפי ששמע שהיו מתחרטין**, ער האט געהערט ווי זיינע ברודער האבן חרטה און זענען זיך מתוודה.

יוסף'ס געפילן פון רחמנות האבן זיך ערוועקט, ווי דער ספורנו זאגט: **ויבך כאשר ראה בצרתם**, יוסף האט מער נישט געקענט צוזעהן די צרות וואס זיינע ברודער גייען יעצט אדורך.

**פרעגט זיך דער קשיא**: אויב די צער פון זיינע טייערע ברודער טוט אים אזוי ווי, פארוואס האט ער זיך נישט יעצט אנטפלעקט פאר זיי?

נאר אדרבה, ער האט זיך אפגעווישט די טרערן און ווייטער געגאנגען מיטן שפיל ביתר שאת, ווי דער פסוק זאגט ווייטער: **וַיִּקַּח מֵאִתָּם אֶת שִׁמְעוֹן וַיֶּאֱסֹר אֹתוֹ לְעֵינֵיהֶם**, יוסף האט גענומען שמעון פאר א משכן און אים איינגעשפארט ביז מען וועט ברענגן בנימין.

## האט ער יא רחמנות אדער נישט רחמנות?

**עפיזאד ב'**: די תורה דערציילט (מג, ל) ווי בנימין איז אנגעקומען קיין מצרים און זיך באגעגנט מיט יוסף. יוסף האט אנגעהויבן שמועסן מיט אים ווען פלוצלינג **וַיְמַהֵר יוֹסֵף כִּי נִכְמְרוּ רַחֲמָיו אֶל אָחִיו וַיְבַקֵּשׁ לִבְכּוֹת**, יוסף איז ארויסגעלאפן פון צימער און אויסגעפלאצט אין א געוויין. דאס מאל האט ער געוויינט אזוי שטארק אז עס איז נישט געווען גענוג אז ער גייט אין א זייט פון די צימער, נאר **וַיָּבֹא הַחַדְרָה וַיֵּבְךְּ שָׁמָּה**, ער האט געמוזט ארויסגיין צו זיין פריוואטע שטוב און וויינען דארט.

זאגט רש"י: פארוואס האט יוסף יעצט געוויינט? **כִּי נִכְמְרוּ רַחֲמָיו**, דער שמועס פון בנימין האט אים זייער באנומען...

**און רש"י איז ממשיך מיט דער אינהאלט פון דעם שמועס**: יוסף האט געפרעגט בנימין, "זאג נאר, דו האסט נאך ברודערס פון דיין מאמע?" האט אים בנימין געענטפערט, "יא, איך האב געהאט איין ברודער אבער איך ווייס נישט וואו ער איז!" יוסף האט געפרעגט ווייטער, "דו האסט קינדער?" זאגט אים בנימין, "יא, איך האב ב"ה צען קינדער!" האט יוסף געפרעגט ווייטער "וואס זענען זייערע נעמען?" בנימין האט אנגעהויבן אויסרעכענען אזעלכע מאדנע נעמען ווי "**בלע, בכר, אשבל...**" יוסף איז געשטאנען אינגאנצן פארוואונדערט און געפרעגט, "וואס איז פשט פון די אלע נעמען?!"

האט בנימין געענטפערט פאר יוסף, "איך האב געגעבן די אלע נעמען פאר מיינע קינדער כדי נישט צו פארגעסן מיין טייערע ברודער וואס איז פארלוירן געווארן און די אלע צרות וואס ער האט נעבעך מיטגעמאכט!" און ער האט אנגעהויבן אויסרעכענען...

"**בלע**- שנבלע בין האומות, **בכר**- שהיה בכור לאמי, **אשבל**- ששבאו אל, **גרא**- שנתגייר באכסניא, **נעמן**- שהיה נעים ביותר, **אחי**- אחי היה, **ראש**- ראשי היה, **מפים**- מפי אבי למד, **חפים**- (הערט גוט דאס באדייט פון די נאמען) "שלא ראה חופתי ולא ראיתי אני חופתו" און **ארד**- שירד לבין האומות. (כדאיתא במס' סוטה לו:)

נאכן זעהן ווי שטארק זיין יונגערע ברודער איז צוגעבונדן צו אים און הערן אזעלכע התרגשות'דיגע ווערטער אז ער האט נישט פארגעסן פון זיינע צרות... **מיד נכמרו רחמיו**. יוסף האט זיך מער נישט געקענט איינהאלטן און אנהויבן ביטערליך וויינען.

וואלט מען דאך אודאי פארשטאנען אז יעצט גייט זיין דעם היסטארישע מאמענט ווען יוסף גייט זיך אנטפלעקן....

אבער דער פסוק זאגט ווייטער: **וַיִּרְחַץ פָּנָיו וַיֵּצֵא וַיִּתְאַפַּק**, יוסף האט אפגעוואשן זיין פנים און צוריק ארויס. **וַיִּתְאַפַּק**, פרעגט רש"י: וואס מיינט "וַיִּתְאַפַּק"? **נתאמץ**, ער האט זיך צוזאמגענומען מיט א פרישקייט און זיך ווייטער געהאלטן שטארק, "ער אנטפלעקט זיך נישט!" און ווייטער געגאנגען מיטן שפיל...

לאמיר פארשטיין: אויב יוסף האט אזוי רחמנות געהאט אויף בנימין און זיינע איבריגע ברודער, פארוואס האט ער געהאלטן אין איין אפשטופן דער מעמד פון זיך אנטפלעקן?

**און צוריק צו דעם עיקר קשיא: פארוואס האט יוסף זיך ענדליך אנטפלעקט נאך די דרשה פון יהודה? וואס איז יעצט געשעהן מער ווי די אלע פריערדיגע עפיזאדן?!**

## דער עולם ארום האט רחמנות!

**וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק "לְכֹל הַנִּצָּבִים עָלָיו"**... זאגט דער רמב"ן (און אזוי אויך געפונען מיר אין דער רבינו בחיי):

דאס איז נאר געשעהן צוליב די אלע שרי המלוכה און מענטשן ארום וואס האבן מיטגעהאלטן די געשיכטע און מער נישט געקענט אויסהאלטן די צער און געבעטן פון יהודה.

נאכן הערן ווי יהודה רעכנט אויס אלע צרות וואס זיי האבן מיטגעמאכט פון ווען זיי זענען אנגעקומען קיין מצרים, ועל אחת כמה וכמה די צער פון זייער אלטן טאטן ווען ער וועט הערן די פרישע ביטערן אומגליק אז זיי זענען אהיים געקומען אן זיין באליבטע זוהן בנימין, האבן זיי זיך געבעטן ביי יוסף, "האב שוין רחמנות! זיי אים שוין מוחל!"

**יעצט האט יוסף א גרויסע פראבלעם**: אויב דער גאנצע עולם ארום האלט אז ער דארף שוין רחמנות האבן און נאכגעבן, קען ער מער נישט ממשיך זיין, (ווי כאילו זיי זענען די בעלי רחמנות און ער איז דער אכזר!) **וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק**. פארוואס? **לְכֹל הַנִּצָּבִים עָלָיו**, צוליב די אלע ארומיגע וואס זענען געשטאנען דארטן און געפרעגט "פארוואס?"

ד"ה: באמת וואלט יוסף אויך יעצט געוואלט ווייטער אנגיין מיט נאך אזוי-גערופענע רדיפות, נאר דער מצב האט נישט ערלויבט.

### פארוואס??
### פארוואס האט יוסף געזוכט צו פייניגן זיינע ברודערס?!

מיט די זעלבע קשיא מוטשענען זיך עטליכע מפורשים. עי' בספר באר מים חיים (מקץ עה"פ וירא יוסף את אחיו ויכירם ויתנכר אליהם וגו'): וז"ל ונתתי אל לבי להבין במעשה יוסף, בענינים האלה שבכלם דרכו נפלאה ונסתרה... מה כוון לצער את אחיו ואביו כ"כ פעם אחת ושתים, הלא ודאי בצדקתו מחל להם תיכף בנסעו מאתם... (עיי"ש שמבאר הענין ע"פ חסידות.)

## וואס איז דער סוד?

**זאגט דער אלשיך הק': יוסף האט געהאט גרויסע כוונות אין אלעס וואס ער האט געטוהן און נאר געמיינט זיין ברודער'ס טובה. אדרבה, וויבאלד ער האט זיי אזוי שטארק ליב געהאט, טאקע דערפאר האט ער זיי געדארפט מצער זיין...**

**פארוואס?** ווייל אפי' זיי האבן נישט געהאט קיין בייזע כוונות מיט די גאנצע מעשה מיט די מכירה, דאך האבן זיי געדארפט האבן א גרויסע כפרה. דערפאר, האט יוסף געטראכט, "בעסער זאלן די ברודער געשטראפט ווערן און אפקומען אויף די וועלט ווי איידער אויף יענע וועלט!"

ווי חז"ל לערנען אונז: יעדע טראפ פון צער וואס א מענטש באקומט אויף דער וועלט, נעמט אוועק פעק פון צרות אויף יענע וועלט, "ווייל יסורים רייניגט און לייטערט אויס דער מענטש." (עי' מנחות טז:)

אלעס וואס יוסף האט געטוהן פאר זיינע ברידער, האט ער געטוהן בלויז כדי זיי זאלן האבן ווי מער כפרת עוונות.

**קיין איין איינציגע פעולה איז חלילה נישט געטוהן געווארן ווייל ער האט זיי פיינט געהאט. נאר דייקא ווייל ער האט זיי אזוי שטארק ליב געהאט און נישט געוואלט אז זיי זאלן דארפן ליידן שפעטער, האט ער פרובירט וויפיל מער אראפצונעמען און אויסמעקן פון זייער זינד.**

דערפאר, האט יוסף געוואלט ווייטער אנגיין און צוענדיגן ביזן סוף כדי זייער גאנצע זינד זאל ווערן אינגאנצן אויסגעמעקט.

אבער **וְלֹא יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק**, יוסף האט געשפירט אז ער קען שוין נישט מער, די אלע ארומיגע האבן זיך געבעטן בתחנונים אז ער זאל שוין רחמנות האבן. אזוי אויך, די ברודער אליין האבן עס שוין נישט אויסגעהאלטן און עס האט אויסגעזעהן אז אט אט גייט אויסברעכן א מלחמה. דאמאלטס האט יוסף געזאגט, "**מוטב שאתודע להם ואל יחריבו את מצרים**". (ב"ר מד, יט)

**וואס איז געווען די תוצאה דערפון?** זייער זינד איז געווארן כמעט אויסגעמעקט אבער עס איז נאך איבערגעבליבן א פלעק. ווי דער כלי יקר טייטשט:[ב] "**וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ**", וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אֹתִי הֵנָּה... (מה, ה). אין זיינע ווערטער, האט יוסף מרמז געווען א געוואלדיגע סוד: **"יעצט" זאלט איר נישט זיין טרויעריג אז איר האט מיר פארקויפט!"**

"טייערע ברודער! איר זענט ליידער נישט פארטיג געווארן, אייער זינד האט זיך נישט אינגאנצן אויסגעמעקט... "יעצט" טאקע זאלט איר נישט זיין טרויעריג אויף די מעשה פון די מכירה ווייל פאר יעצט, זענט איר שוין עפעס אפגעקומען... אבער עס וועט נאך שפעטער קומען א צייט ווען איר וועט יא דארפן זיין טרויעריג רח"ל, איר וועט דארפן ענדיגן די חוב פון די עבירה... (ורמז לגר יהיה זרעך, ולעשרה הרוגי מלכות.[ג])

לאמיר זיך מתבונן זיין!

## ווער איז דער רחמן און ווער איז דער אכזר?

טראכטנדיג אדורך די גאנצע פאסירונג, קומט לכאורה אויס אז עס איז שטארק יתכן אז אויב יוסף וואלט געהאט די מעגליכקייט ווייטער ממשיך צו זיין נאך אביסל מיט פייניגן די ברודער, וואלט ער נאך מער געקענט אויסמעקן פון די עבירה. ווי מער ער וואלט אויסגעמעקט, אלץ ווייניגער וואלטן מיר געדארפט ליידן שפעטער... יעדע טראפעלע צער וואס די הייליגע ברודער האבן דעמאלטס געהאט, האט אוועקגענומען נאך צרות פון די שפעטערדיגע דורות... וואלטן די הייליגע ברודער געהאט די ברירה זיך אויסוועלן צו ממשיך זיין מיט נאך אביסל צער און ווייטאג אדער צען הייליגע קדושים זאלן אומקומען אויף קידוש השם אויף אזא טראגישן אופן, וואלטן זיי זיכער אויסגעוועלט נאך אביסל צער...

**ווער איז דער אמת'ע רחמן און ווער איז דער אכזר?** די "מצריים" וואס האבן יעצט געבעטן יוסף מיט רחמנות אז ער זאל אויפהערן און שפעטער געפייניגט די אידן במדות אכזריות? אדער "יוסף" וואס האט יעצט געפייניגט זיינע ברודער (בשעת'ן מיטוויינען מיט זייער צער) כדי צו פארווישן זייער זינד אז שפעטער זאל זיי זיין נאר גוט און וואויל??!!

**וַיִּקְרָא הוֹצִיאוּ כָל אִישׁ מֵעָלָי**, יוסף האט געטראכט צו זיך, "וואס פארשטייען די גוים?! סך הכל זעהן זיי נאר ווי א משנה למלך פייניגט אומשולדיגע געסט און זיי האבן רחמנות. יא יא, זאלן זיי נאר אלע ארויסגיין, וועל איך פארציילן דעם אמת, ווער עס איז דער אמת'ע בעל רחמנות!!"

**וַיִּתֵּן אֶת קֹלוֹ בִּבְכִי**... יוסף האט אנגעהויבן זיינע ווערטער מיט א שטארקע געוויין, אבער דאס מאל מיט א אפענע געוויין... "איר ווילט וויסן ווער איז דער שלעכטע מענטש וואס שטייט פאר אייך?!" **וַיֹּאמֶר, "אֲנִי יוֹסֵף! אֲחִיכֶם אֲשֶׁר מְכַרְתֶּם אֹתִי מִצְרָיְמָה**, איך בין אייער טייערע ברודער וואס איז אייביג געווען און וועט אייביג זיין!" (ווי דער אוחה"ק טייטשט: "**אחיכם אשר מכרתם". לומר, שאפי' בזמן המכר לא כהתה עין האחוה ממני.)**

"איר ווייסט פארוואס איך האב געמאכט דעם גאנצן שפיל? **אֲשֶׁר מְכַרְתֶּם אֹתִי מִצְרָיְמָה**, ס"ה, האב איך געוואלט אייך ראטעווען און העלפן תשובה טוהן אויף אייערע זינד אבער נישט חלילה ווייל איך האב אייך פיינט... נאר אדרבה, ווייל איך האב אייך ליב!"

---

[ב] עה"פ גשו נא אלי סו"ד. (מה, ד)

[ג] כעי"ז שרייבט דער תפארת שלמה: אה"נ עכשיו ולא יוכל יוסף להתאפק היה התיקון להשבטים על עצם המכירה, יעצט האבן די שבטים טאקע געהאט א שטיקל תיקון אויף די עצם זינד פון די מכירה. אבל ממנו יצא פגם בענין האחדות שנשאר לדורות, עס איז נאך געבליבן א שטארקע פגם אין דעם ענין פון אחדות וואס ציהט זיך לדורות.. ולא יותקן עד ביאת המשיח ב"ב, און דאס וועט ליידער שוין נישט אזוי גרינג מתוקן ווערן ביז ביאת המשיח בב"א עיי"ש באריכות...

# מוסר השכל:

**על חטא שחטאנו לפניך בשנאת חנם.** טייטשט דער תפארת עוזיאל (להרה"ק ר' עוזיאל מייזליש זי"ע מתלמידי המגיד): דאס גייט ארויף אויף די מענטשן וואס גייען ארום פארוויטאגט און האבן טענות אויפן בורא כל העולמים, "פארוואס פונקט מיר?" און "פארוואס פונקט יעצט?"

די אידן דארפן קלאפן על חטא אויף זייער פגם פון שנאת חנם צום הייליגן פאטער... ווייל זייער שנאה איז חנם ממש! עס איז נישט דא קיינער אין דער וועלט וואס האט אונז אזוי שטארק ליב ווי אונזער טאטן אין הימל!

לאמיר גוט אפלערנען די וואכעדיגע מדרש:

וַיִּתֵּן אֶת קֹלוֹ בִּבְכִי וְלֹא יָכְלוּ אֶחָיו לַעֲנוֹת אֹתוֹ. **אבא כהן ברדלא אמר אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום התוכחה... יוסף קטנן של שבטים היה. ולא היו יכולים לעמוד בתוכחתו... כי נבהלו מפניו. לכשיבא הקב"ה ויוכיח כל אחד ואחד לפי מה שהוא... על אחת כמה וכמה.** (בר"ר צג, י)

לפי דברינו, קענען מיר טייטשן דעם מדרש... מה דאך יוסף הצדיק, וואס איז געווען בלויז א בשר ודם, האבן די ברודער זיך נישט געוואוסט וואו אהין צו טוהן ווען עס איז זיי נתגלה געווארן אז דער מענטש וואס האט זיי אויסגעקוקט צו זיין א שלעכטער איז גאר געווען פונקט פארקערט- דער בעסטער, א ברודער וואס האט מיט-געוויינט מיט ליבשאפט אויף יעדע צרה וצרה און האט נאר געמיינט זייער טובה א גאנצע צייט...

על אחת כמה וכמה אבינו אב הרחמן, וואס זיין ליבשאפט צו כנסת ישראל איז אומבאשרייבליך און ער וויינט מיט אונז ביי יעדע שוועריקייט, מיינט זיכער נאר אונזער טובה...

**לכשיבא הקב"ה ויוכיח כל אחד ואחד לפי מה שהוא...** לעתיד לבא, ווען דער אייבערשטער וועט אונז צייגן יעדע צער, פונקטליך פארוואס און פארוואן עס האט געדארפט געשעהן און מיר וועלן זיך איבערצייגן אז אדרבה, עס איז גאר געווען די בעסטע טובה פאר אונז, וועלן מיר טראכטן, "א שאד, א שאד אז עס איז נישט געווען נאך..."

**ווי אזוי וועלן מיר זיך אהין טוהן, ווען מען וועט אונז פרעגן, "ר' איד, פארוואס האסטו אזויפיל געקרעכצט און געוויינט מיט טענות צום כביכול ווען אלעס איז געווען בלויז פאר דיין טובה?!"**

ווען מיר וועלן גלייבן באמת אז אלעס האט א חשבון, פונקט אזוי האט געדארפט זיין און אלעס איז נאר פאר אונזער טובה וועגן, וועלן מיר זיך בעטן פאר נאך און נאך...

צרות זענען שווער! צרות קענען זיין גרויס! אבער מען דארף קענען איבערדרייען דעם "צרה" צו א "צהר" און דעם "נגע" צו אן "ענג"...

אויב מיר וועלן אנקוקן אונזערע צרות ווי גאלדענע געלעגנהייטן, ווי יעדע צער און יעדע צרה ברענגט אונז גרויסע רווחים, וועלן מיר קענען אסאך דערהייבן... אבער אויב מיר וועלן אנקוקן די אלע צרות ווי שטיינער, וועלן מיר נישט קענען דערהייבן אפילו איינס אויך נישט!

# מעשה רב

עובדא הוי בהרה"ק ר' זאב וואלף מזבאריז זי"ע, שנסע פעם בעגלה ושקעו אופני העגלה בטיט ולא היה אפשר בשום אופן להוציאם, התחיל הרה"ק לבכות ואמר: **רבונו של עולם יודע אני כי עווני גדול מנשוא, ולפיכך גזרת עלי להשקע פה בטיט ורפש, בכדי שאתעורר לשוב אליך, אולם שואל אני אותך רבוש"ע האם במצב כזה שכמעט כל גופי משוקע בטיט אוכל לשוב בתשובה,** אנא הוציאני מכאן ואז הנני מבטיחך שאשוב בשובה שלימה לפניך.

(תורת מגיד מזלאטשוב ערך תשובה)

ואולי קענען מיר אויך זאגן כעי"ז, "רבוש"ע, אודאי זענען יסורים אן עצה פאר תשובה, אבל האם במצב כזה שכמעט כל גופי משוקע בטיט אוכל לשוב בתשובה, מאך אונז אביסל גרינגער און מיר וועלן בעזר השם תשובה טוהן מיט אן אמת..."

"רבוש"ע, מיר בעטן דיר, **יהי רצון מלפניך ה' אלהי שלא אחטא עוד, ומה שחטאתי לפניך מרק ברחמיך הרבים, אבל לא על ידי יסורין וחלאים רעים.**" (ברכות יז.)

# צידה לדרך

## יוסף וועט ענדערש ליידן יסורים ווי איידער פארשעמן זיינע ברודער.

ווי דער אוחה"ק זאגט (מה, כו' עה"פ ויגדו לו לאמר בא"ד "ראיתי לתת לב בענין יוסף..."): פארוואס האט יוסף נישט מודיע געווען פאר זיין טאטן די אלע יארן וואו ער געפינט זיך? א שליח, א בריוועלע, עפעס! בפרט ווען ער איז געווען דער שליט אויף גאנץ מצרים, האט ער דאך זיכער געקענט שיקן עפעס א הודעה!

זאגט דער אוחה"ק בא"ד: **אעפ"כ נמנע מלהודיע לאביו,** והוא על דרך אמרם ז"ל (ב"מ נ"ט.) **מוטב שיפיל אדם עצמו לכבשן האש, ואל ילבין פני חברו.** עס איז בעסער אז א מענטש זאל זיך אריינווארפן אין א קאלעך אויוון ווי איידער פארשעמען א חבר. יוסף האט ענדערש געליטן יסורים פון די צער פון זיין טאטע, ווי איידער פארשעמען זיינע ברודער פאר יעקב, יצחק און די גאנצע משפחה ארום. (עיי"ש)

"**ולא יכול יוסף להתאפק לכל הנצבים**". זאגט רש"י: לא היה יכול לסבול שיהיו מצרים נצבים עליו ושומעין שאחיו מתביישין בהודעו להם. דערפאר, איידער ער האט זיך אנטפלעקט, האט ער שנעל אויסגערופן **הוֹצִיאוּ כָל אִישׁ מֵעָלָי** און די תורה זאגט עדות: **וְלֹא עָמַד אִישׁ אִתּוֹ בְּהִתְוַדַּע יוֹסֵף אֶל אֶחָיו, כדי די ברודער זאלן חלילה נישט פארשעמט ווערן...**

## אלעס וואס יוסף האט געטוהן צו די ברודער, האט געהאט פונקטליכע חשבון...

ווי דער בן איש חי איז מסביר (בדרושים, הובא בספר פניני הבן איש חי): דער חטא פון די ברודער איז געווען צוטיילט אויף צוויי 1- דער עצם מכירה 2- די צער און עגמת נפש וואס זיי האבן אנגעמאכט פארן טאטן יעקב.

כדי צו פארעכטן ביידע עוולות בשלימות און זייער תשובה זאל ווערן גערעכענט ווי אן אמת'ע תשובה[א], האט מען זיי געדארפט צוריקברענגען, וויפיל עס איז שייך, צום זעלבן מצב און צום זעלבן סביבה ווי בעת חטאם און אזוי זאלן זיי פארעכטן זייער זינד.

**ווי אזוי גייט מען דאס מאכן?** דעם עצם מכירת יוסף וועט פאראכטן ווערן דורכדעם וואס יוסף גייט זיך עקשנ'ן אז מען מוז אראפברענגען דייקא בנימין, וואס ער איז זייער דומה צו יוסף. יוסף איז בן רחל און בנימין איז בן רחל און פונקט ווי יעקב האט ליב געהאט יוסף, האט ער יעצט ליב בנימין.

די שבטים גייען אים טראגן אדורך די זעלבע מדבר וואו מען האט פארקויפט יוסף. ווען זיי וועלן אנקומען קיין מצרים, וועט מען זיך אנטשעפענען דוקא אין בנימין דורך אריינליגן די בעכער דייקא ביי אים. דאס אלעס האט יוסף טוהן כדי מעורר צו זיין זייער מדה פון אחדות, זייער געטריישאפט איינעם צום אנדערן דורך ווערן אויסגעשטעלט צו מסירת נפש ממש.

דאס וועט אויך פארעכטן דאס איבערגעגעבנקייט פאר זייער אלטן טאטן אין וואס זיי האבן פוגם געווען וויבאלד דער טאטע איז זייער צוגעבונדן צו בנימין.

ווי דער מדרש דערציילט די ביידע פונקטן (עי' באריכת במעם לועז): אינמיטן די ויכוח פון יהודה און יוסף, האט יהודה געזאגט פאר יוסף "א-דער קעניג דארף פארשטיין אז **איך** האב גענומען דא ערבות". **איך** האב גענומען אחריות בזה ובבא און געזאגט פארן טאטן "אִם לֹא אֲבִיאֶנּוּ אֵלֶיךָ וְחָטָאתִי לְאָבִי כָּל הַיָּמִים..."

"ב- ועל כולם, מיין אומשולדיגע טאטע, וְהָיָה כִּרְאוֹתוֹ כִּי אֵין הַנַּעַר וָמֵת וְהוֹרִידוּ עֲבָדֶיךָ אֶת שֵׂיבַת עַבְדְּךָ אָבִינוּ בְּיָגוֹן שְׁאֹלָה, די צער פונעם טאטן וועל איך בשום אופן נישט קענען צוזעהן..."

**זאגט יוסף אויף צוריק, "אזוי?! דו נעמסט אחריות אויף דיין טאטנ'ס קינדער?! דיין טאטע'ס צער טוט דיר אזוי וויי?!"**

"פארוואס האסטו נישט גענומען אחריות אויף דיין אנדערע ברודער ווען מען האט אים פארקויפט פאר די ישמעאלים פאר 20 זילבערנע מטבעות? פארוואס האסטו דעמאלטס זיך נישט געקימערט מיט די צער פון דיין טאטן און אים קאלטערהייט געזאגט "טרף טרף יוסף"?!" (והיינו ב' הנקודות הנ"ל)

ווי נאר יהודה האט געהערט די ווערטער, צעק ובכה בקול גדול ואמר "כי איך אעלה אל אבי".[א]

# הערות פון די לייגער

**לכבוד המערכת החשובה:**

פאלגנד איז א פזמון וואס איך האב געטראפן געדריקט אין א קונטרס וואס הרה"ח ר' עמרם בן מוה"ר אליעזר אבערלענדער, ז"ל האט זיך פארשריבן און געבעטן מען זאל פארשפרייטן.

**פון משא ומתן באמונה** - פארלירט מען נישט ביזנעס

**פון שקר** - באקומט מען נישט חן

**פון נצחון** - ווערט מען נישט גליקליך

**פון פאפעריי** - מאכן מען נישט פרנסה

**פון עסן דבר האסור** - ווערט מען נישט געזונט

**פון סמארטפון** - ווערט מען נישט קליג

**פון ליצנות** - ווערט מען נישט פארגעשריטן

**פון לערענען תורה** - בלייבט מען נישט צוריק-געבליבן

**פון צדקה** - ווערט מען נישט ארעם

**פון אמונה בה'** - קען מען נישט דערלייגן

**פון זריזות** - ווערט מען נישט פארמאטערט

**פון פוילקייט** - ווערט מען נישט אויפגעפרישט.

**לעשות הישר והטוב.,**

אם ישר- יש טוב   לא ישר - לא טוב!

מאת נ.א. מאנסי

---

**צו דער מערכת "א פסוק חומש":**

איך שיק אייך א שיין ווארט וואס איך האב לעצנס געזעהן, וכדאי הוא לפרסמו.

הרה"ק רבי יהושע מאסטראווע זצוק"ל (בעל ספר תולדות אדם) האט געזאגט:

"מען דארף ליב האבן יעדע איד ווייל די ווערד פון א איד איז אומשאצבאר." דערפאר...

"האב נישט ליב א איד צוליב זיינע מדות טובות, ווייל דעמאלטס האסטו ליב זיינע מדות און נישט דעם איד!"

דאס זעלבע זאך: "האב נישט פיינט דעם איד צוליב זיינע מדות, נאר האב פיינט זיינע מדות און האב ליב דעם איד!"

מאת ג. פ. ירושלים

---

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון אדער צו באקומען וועכנטליך, קענט איר זיך פארבינדן מיטן עורך: torah10952@gmail.com